# **וואָס פילן די "איבערגעבליבענע"? די חורבן לידער פון יאָסל בירשטײַן.**

**1טער פּאָרש-סעמינאַר אויף ייִדיש בײַ מאָנאַש אוניווערסיטעט, מעלבורן,**
**דעם 1טן סעפּטעמבער 2011.**

**ענדרו פײַערשטײַן** [www.YiddishPoetry.org](http://www.YiddishPoetry.org)

*אַ גרויסן דאַנק הינדע בורשטין און דעם י□דישן צענטער ב□ם מאָנאַש, און אַ באַזונדערן דאַנק פאַר אירען קראָנהיל-פּלעטקאַ פאַר איר אונטערשטיצונג פונעם וועבז□טל.*
*דאָס אַרטיקל איז פאַרבעסערט פון אַ פריערדיקן, וואָס איז דערשינען אין דעם קאַטאַלאָג פון דער מעלבורנער אויסשטעלונג "מאַמע-לשון", (2011) זע*
*www.jewishmuseum.com.au/index.htm*
==================================================

אין יאָר 1944 האָט יאָסל בירשטײַן אין מעלבורן זיך דערוווּסט אַז אין פּוילן זענען זײַנע עלטערן מיט זײַן שוועסטער פון 19 יאָר און זײַן ברודערל פון 15 יאָר שוין נישטאָ. בלויז ער און זײַן שוועסטער רייזל,ביידע אָנגעקומען קײַן מעלבורן נישט לאַנג פאַר דער מלחמה, זענען געבליבן לעבן.

יאָסל איז דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר, און איז שוין באַוווּסט געווען ווי "דער מעלבורנער דערוואָקסענער פּאָעט". זינט זײַן נײַנצנטן יאָר האָט מען געלייענט זײַנע לידער אין די *אויסטראַלישע ייִדישע נײַעס*. ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם חורבן האָט בירשטײַן זיך גענומען צו שרײַבן קלאָג-לידער – פאַר זײַן אייגענער משפּחה און פאַר ייִדן בכלל. און דערצו האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן לידער וואָס דריקן אויס זײַן אייגענע רעאַקציע, צו דער טראַגעדיע וואָס האָט געטראָפן זײַן פאַמיליע און זײַן פאָלק.

אין 1949 האָט די "קדימה" אַרויסגעגעבן זײַן ערשט בוך *אונטער פרעמדע הימלען*. כמעט אַלע פון די 46 לידער זענען געשריבן געוואָרן צווישן 1944 און 1948. די מערהײַט פון זיי פאַרנעמען בלויז 1 אָדער 2 זײַטלעך, נישט מער.

ס"יז ווערט צו באַמערקן אַז מען דערזעט ניט אין זיי קײַן שום השפּעה פון דער מאָדערנער פּאָעזיע. געשאַפן זענען זיי אויפן פורעם פון פאָלקסלידער, פּשוט, קלאָר און פילבאַר, די מערהײַט געשריבן פון שטאַנדפּונקט פון מחבר אַליין – און דער לייענער קען מיטפילן מיט בירשטײַנען.

נאָכן אַרויסגעבן פונעם בוך האָבן עס אָפּגעשאַצט צוויי פון די גרעסטע דעמאָלטיקע ייִדישע קריטיקער, י.ראַפּאָפּאָרט אין מעלבורן און י. גלאַטשטײַן אין ניו-יאָרק. ביידע פון זיי האָבן בירשטײַנען אָנגענומען ווי אַן אמתן פּאָעט – אָבער טראָץ דעם זענען ביידע געבליבן שטום וועגן דעם אינהאַלט און טעמאַטיק פון זײַנע לידער. זיי זײַנען ביידע געבליבן שטיין בײַ טעכנישע ענינים. פאַרוואָס?

איך מיין אַז דאָס איז נישט שווער צו פאַרשטיין. אין דער צײַט באַלד נאָך דער מלחמה האָט יעדער ייִדיש-רעדנדיקער ייִד געהאַט זײַן אייגן פּעקל ליידן. אַנאַליזירן אַ דיכטערס באַהאַנדלונג פון זײַן טרויער און ווייטיק איז דעמאָלט נישט פּאַסיק געווען, נישט פאַר קריטיקער און נישט פאַר לייענער. אָבער הײַנט צוטאָג לוינט זיך אַז בירשטיינס חורבן לידער זאָלן באַקומען אַן אָפּשאַצונג.

*                    *

די ערשטע סעריע לידער אין *אונטער פרעמדע הימלען* קען מען אָנרופן **דענקמעלער**, געשאַפן ווי מצבות, אַ באַזונדערע פאַר יעדן פון בירשטײַנס משפּחה, און אויך אַ פּרעכטיק ליד אָנגעשריבן לכּבוד זײַנס אַ נאָענטער פרײַנדין, "טאָכטער שיינע פון די דרײַ מתנות ".

דאָ געבן מיר בירשטײַנס דענקמאָל סאָנעט פֿאַר זײַן 19יעריקע שוועסטער חנה:

**אויף דײַן פֿײַערדיקער חתונה**

איצט וואָלסטו שוין געווען אַ כּלה-מויד
מיט אַלע מיידל-חנען ווי באַלײַטנס.
פֿאַר אַ כּלה האָט דיך אויסגעכאַפּט דער טויט
און חתונה געהאַט מיט דיר באַצײַטנס.

ווער האָט אויף דער חתונה געפֿעלט?
געקומען זענען אַלע: פֿרעמדע, שכנים.
האָט אַ טאַנץ געטאָן דער טײַוול מיט דער וועלט
און דו – מיט כּל-ישׂראל אינײינעם.

שיין האָסטו געטאַנצט. מיט ברען, מיט פֿלאַם.
אַזוי-אָ טאַנצן קאָן נאָר אונזער שטאַם
מיט האַרץ און גוף צום פֿלאַם איבערגעגעבן.
אַזוי-אָ טאַנצן קאָן נאָר אונזער לייב-און-לעבן.

נאָר איך בין נישט געקומען גאָר אינגאַנצן
אויף דײַן פֿײַערדיקער חתונה צו טאַנצן.
-----------------------------------------------

מיר באַמערקן אין די צוויי לעצטע שורות, דעם ברודערס שולדגעפֿיל. און באַלד וועלן מיר צוריקקומען צו דער טעמע פֿון שולדגעפֿיל.

אויסער די דענקמאָל לידער האָט בירשטײַן געשריבן טרײַסטלידער פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק בכלל. אין דאָס ליד **פֿון וואַרטן מיד** שרײַבט ער אַז דער בל שם טוב וועט אונדז קומען אויסצולייזן.
דאָס ליד **אויפֿגעגאַנגענע** איז אַ פֿײַערלעכער פּיוט. עס לוינט זיך צו אַ געטאָ-אַקאַדעמיע, ס'פֿעלט בלויז פֿאַסיקע מוזיק. עס הייבט אָן אַזוי - די ערשטע שורה איז אַ רירנדיקע און זייער אַ געלונגענע:

איר אויפֿגעגאַנגענע, געגאַנגען און דערגאַנגענע
מיט אָרעמס אויפֿגעריסענע און ברענענדיקע טריט.
כ'דאַרף פֿריער ווערן אַ פּאַרסמטער, אַ געהאַנגענער
דער גרויסער ווײַ זאָל אויפֿגיין ווי אַן אמת אין מײַן ליד.

דאָס זאָגט בירשטײַן אויפֿריכטיק. דער וואָס שרײַבט חורבן לידער ווייטיקט טיף אַליין. און דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף אַ רגע אָפּצוגעבן כּבֿוד בעני גאָטאינער, וואָס האָט איבערגעזעצט כּמעט אַלע פֿון בירשטײַנס חורבנלידער אויף ענגליש. עס קאָסט דאָך דאָס איבערזעצן אַ היפּש ביסל אויך. בעני האָט גוט געהאָרעוועט איבער זיי - ווי שיין און טרײַ זיי זענען אַרויסגעקומען קען מען זען אויפֿן וועבזײַטל.

*                                                                                        *

די גרעסטע טייל פֿון בירשטײַנס חורבן לידער באַשרײַבן זײַנע אייגענע געפֿילן. מיר ווייסן אַלע, אַז טרויער געפֿילן ענדערן זיך כּסדר. בירשטײַנס צוגאַנג איז אַ פּשוטער און אַ שטאַרקער: ער דריקט אויס יעדעס געפֿיל זײַנס אין אַ באַזונדער ליד.

**פֿאַר מײַן טיר** איז אַ שיין ליד אין וועלכן ער באַשרײַבט גענוי זײַן עלנטקײַט אין דער זעלבער צײַט וואָס עס לעבן זײַנע שכנים "אין זאַטקײַט".

אין דעם סאָנעט **אין מידן גאַנג** באַשרײַבט בירשטײַן ווי ער דערפילט ˙שינאה פון די גוים אַרום אים. אין **חגה** באַשרײַבט ער אַ קריסטלעכן יומטוב אין מעלבורן – ווו ער זעט דעם קערפּער פון זײַן טאַטן שוועבנדיק אין דער לופט איבער מאַידאַנעק. זײַן שוועסטער רייזל האָט מיר דערציילט אַז אין זייער קינדהײַט האָט זי מיט יאָסלען צוזאַמען דורכגעלעבט אַ פּאָגראָם.

אינעם ליד **כ'געהער שוין נישט מער** באַשרײַבט בירשטײַן זײַן שולדגעפיל, וואָס ער איז נישט אומגעקומען צוזאַמען מיט די אַנדערע:

... פאַרוואָס בין איך זינדיק? איך ווייס נישט פאַרוואָס.
דאָס אומגליק, ווי ווילד-גראָז, וואַקסט מיט מיט מײַן לעבן,
בײַנאַכט קומען אייגענע טויטע צוגיין
טרויער צו מאָנען און איך האָב נישט צו געבן.

און דאָס זעלבע ליד ענדיקט זיך מיט זײַן אָפּזונדערן זיך פון אַנדערע מענטשן:

דער טומל פון שטאָט געהערט מער נישט צו דיר,
ווי ס'געהערט נישט צו דיר די שוועל פון דײַן שכן.

אין דעם לאַנגן, ווונדערשיינעם ליד **באַהעל מיך נישט** וואָס האָט אָפּקלאַנגען פון איציק מאַנגער און די מאָלערייען פון מאַרק שאַגאַל, מיר זעען ווי ער שטרענגט זיך אָן צו בלײַבן געטרײַ די אומגעקומענע – דער רעפריין איז

פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים,
אין דעם גורל פון מײַן היים.

אין דעם ליד **אונטער דײַן דראָענדיקער האַנט** זײַן איבערלעבונג דערמאָנט אונדז די ליידן פון איובן:
האָסט אויסגעשטרעקט אויף מיר דײַן דראָענדיקע האַנט –
כ'בין אַ שאָטן פון אַן אָפּגעברענטער וואַנט.

אינעם ליד **כ'וועל צוגיין** רופט בירשטײַן זיך אָן "אַן איבערגעבליבענער יִיד".
איעם ליד **ס'געבעט** שרײַבט ער –

כ'בין מקנא דעם שטיין וואָס עס וואַרפט ווער אַרײַן
אין אַ ברונעם אַרײַן און ער זינקט דאָרטן אײַן –
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?
* *

אין געוויסע לידער קערט בירשטײַן זיך צוריק צום יִידישן קוואַל ווי צו אַ רפואה. אין דעם מוזיקאַלישן ליד **די ברכה פון מײַן מי** דערלאַנגט בירשטײַן זײַנס אַ געבעט צו גאָט. אינעם ליד **ווען די פּאָלק אין אומגליק וויינט** געפינט ער מנוחה אין לייענען הייליקע ביכער. אינעם ליד **און איך בין נאָך אַלץ נישט מיד** דאַוונט ער און לייענט תהילים – און געפינט דעם מוט די שווערע צײַט בײַצוקומען.

אַזעלכע לידער באַווײַזן דעם אײַנפלוס פון באָבע-זיידע פון זײַן מאַמעס צד, מיט וועמען ער האָט געווינט אין אויסטראַליע. זײַן פריערדיקע בילדונג איז געווען אַ וועלטלעכע. אַלס קינד, אַנשטאָט חדר האָבן זײַנע עלטערן גענומען פאַר אים (און פאַר זײַן שוועסטער רייזל אויך) אַ לערער פון יִידיש און יִדישער ליטעראַטור. און דערנאָך איז יאָסל געוואָרן אַקטיוו אין דער השומר הצעיר אָרגאַניזאַציע אין פּוילן.

****************

בירשטײַן איז יאָ צוריקצוקומען צו זײַן פריערדיקער טעטיקײַט, און ווידער האָט ער זיך גענומען אַרבעטן פּאַר אַנדערע. ער איז געוואָרן דער ערשטער באַצאָלטער סעקרעטאַר פון דער "קדימה" און דער אָנפירער פון דער יוגנט אָרגאַניזאַציע בײַ דער "קדימה" . ער האָט דורכגעפירט די פּובליקאַציע פון די געזאַמלטע ווערק פון דעם יונג געשטאָרבענעם פּנחס גאָלדהאַר, וועמענס דערציילונגען האָבן בירשטײַנען אינספּירירט. אַזוי פון זײַן ווײי קען בירשטײַן צוקומען, אין דעם סאָנעט **די לויטערע ווערטער**, צו אַזאַ אויספּיר:

זײַ שטאַרק, מײַן געמיט, אין דײַן צער צו פֿאַרהיטן
פֿאַרן שפּעטערן דור וואָס האָט נאָכנישט געליטן,
אַן אָפּהילך פון גוטן, אַ ניגון פון טרײַסט.

פון סאַמען אָנהייב פון זײַן דיכטונג האָט בירשטײַן אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכער סענסיטיוויטעט צו *זאַכן*. אין זײַן ליד **אין פֿאַבריק** צ.ב., שרײַבט ער –

איך קוק זיך אַרום און איך זע:
פון יעדער באַזונדערער זאַך
קוואַלט אַזאַ שטומקײַט אַרויס,
וואָס וויינט אויף אַן אייגענער שפּראַך.
איך פֿאַרענדיק מיט זײַן געזעגענונגס ליד צו דער שטוב פון זײַן קינדהײַט, אין וועלכן ער באַוויינט די אַלע זאַכן, וואָס זענען נישטאָ מער. די צײַכענונג אין בוך איז פון זײַן נאָענטן חבר, דער באַרימטער מאָלער יאָסל בערגנער:
**כ'געזעגן זיך**

צו וועמען אויסשטרעקן אַ האַנט?
אַ פּולע שטוב:
אַ וואַנט, אַ טיש, אַ בענקל.
אויך זיי באַגערן שטילערהייט
מען זאָל אָן זיי געדענקען.

כ'נעם זיך אָן מיט דעם באַגער,
דעם שטילן פון אַלע שטילסטע וווּנדער.
פון זאַכן אָן אַ לשון, אָן אַ קול,
וואָס ווילן דערהערט ווערן, און גאָר באַזונדער.

כ'שטרעק אויס מײַן האַנט אַ לעצטן מאָל
נאָך דער ברכה פון זכרון.
מײַן טאַטע לייענט מיר פֿאָר
אַ מעשה פון אַ מענטש.
אַ משל מיט אַ מענטשנס יאָרן.

ער זאָגט צו מיר: זײַ אָפּגעהיט,
: זײַ אָפּגעהיט פון גיין פֿאַרלוירן,
ס'קאָן זײַן, אַז גאָט איז אומעטום.
מערער – ווו מען ווערט געבוירן.

און איך – אַ ייִנגל – הער זיך צו
צו דער בענקעניש פון טאַטנס יאָרן
און שטרעק מײַן האַנט אַ לעצטן מאָל
נאָך דער ברכה פון זכרון.
--------------------------------------------------------------------------------